# פרשת לך לך ב׳ – ח׳ חשון תשע״ח לפ״ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט״א** למעונו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

*

***יום שני פרשת לך לך***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט״א** אצל הברית של בן הר״ר **יעקב פריעדמאן** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש קאלוב. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך (הל׳ שבת דיני בישול סימן שי״ח).

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **עזריאל יהודא** נ״ו בן הר״ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **משה דוד פערל** הי״ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל מסיבת האירוסין של בת הר״ר **נפתלי מנלה** הי״ו (חתן הר״ר אהרן הערש עלבאגען הי״ו), עב״ג בן הר״ר **אברהם ריעדער** הי״ו, שהתקיים באולם רענעסאנס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט״א** אצל החתונה של בת הר״ר **ישראל חיים שפארן** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **אהרן בלומענפעלד** הי״ו, שהתקיים באולם עטרת חי׳. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לב״פ והשתתף אצל הלויה של הרה״ח רבי **הערש לייב פראמאוויטש** ע״ה, שהתקיים בבית הלויות שומרי הדת.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה (הל׳ נטילת ידים סימן קנ״ט).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל התנאים של בן הר״ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **משה דוד פערל** הי״ו, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לב״פ והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר״ר **נתן שטיינער** הי״ו (חתן הר״ר הערשל שפיץ הי״ו), עב״ג בן הר״ר **אליעזר קעגיל** הי״ו, שהתקיים באולם ספינקא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה פארציילט, אז אברהם מיט שרה זענען אנגעקומען קיין מצרים, און אברהם האט מורא געהאט אז מען גייט צונעמען שרה, האט ער איר געזאגט, אמרי נא אחותי את, און דער סוף איז געווען, אז פרעה האט גענומען שרה אין שטוב אריין, וינגע ה׳ את פרעה ואת ביתו (בראשית יב-יז), דער אייבערשטער האט געשטראפט פרעה מיט זיין שטוב, און ער האט נאכדעם געמוזט צוריקגעבן שרה.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו לט:), אז ער שטעלט זיך, פארוואס איז זיך געקומען א שטראף על ביתו? מילא וינגע ה׳ את פרעה, קומט זיך, ווייל ער האט צוגענומען אשת אברהם, האט אים דער אייבערשטער געשטראפט. אבער וואס איז ביתו שולדיג, פארוואס האט דער אייבערשטער אויך מנגע געווען את ביתו. דער **חתם סופר** וויל זאגן, אז די גמרא (סוטה ט.) זאגט, כל מי שנותן עיניו בדבר שאינו שלו, ווען א מענטש גיט זיינע אויגן אויף א זאך וואס געהערט נישט צו אים, איז נישט נאר אז ער באקומט נישט די זאך וואס ער וויל נעמען, נאר אפילו מה שיש לו, וואס ער האט יא, נעמט מען אויך אוועק פון אים. אזוי ווי פרעה איז נתן עיניו בשרה, איז אפילו מה שיש לו, ביתו זו אשתו (יומא ב.), איז זי אויך מנוגע געווארן, אז ער האט

נישט געקענט מיט איר האבן א שייכות (עיין ב"ר מא-ב, הובא ברש"י יב-יז). אזוי שטייט אין **חתם סופר**.

**מען** קען אפשר זאגן נאך א געדאנק, מען זיצט דא ביי א סעודת שבע ברכות. די תורה הק' (בראשית ב-יח) זאגט, לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, האט ער געזאגט, אז עס איז נישט גוט אז א מענטש זאל זיין אליין, אעשה לו עזר כנגדו, איך דארף אים מאכן א הילף וואס זאל אים צוהעלפן. און דער באשעפער האט באשאפן חוה, אז זי זאל זיין א עזר פאר אדם. די גמרא (יבמות סג.) דרשנט, 'זכה', אז א מענטש איז זוכה, 'עזר', ווערט אים דאס ווייב א עזר, א הילף. 'לא זכה', אז מען איז נישט זוכה, 'כנגדו', איז זי אקעגן אים. איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), אז מען איז זוכה איז דא השראת השכינה, אין איש איז דא א יו"ד, און אין אשה איז דא א ה"א, 'לא זכו', אויב מען איז נישט זוכה, איז עס נישט קיין עזר, נאר עס איז כנגדו, 'אש אוכלתן', ברענט א פייער אין שטוב. דער אייבערשטער נעמט אוועק די יו"ד, און ער נעמט אוועק די ה"א, און עס בלייבט אש מיט אש, איז אש אוכלתן. זעהט מען, אז ווען עס איז זכה, א מענטש איז זוכה, איז זי א עזר, און טאמער עס איז לא זכה, כנגדו, ווערט א פייער אין שטוב.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, 'לא טוב היות האדם לבדו', עס איז נישט גוט אז דער מענטש איז אליין, איך וויל העלפן דעם מענטש, אז עס זאל אים זיין גוט, 'אעשה לו', אז ער וועט זוכה זיין, וועל איך אים מאכן א 'עזר', 'לא זכה', וועט זי זיין 'כנגדו'. דאס איז דער לא טוב היות האדם לבדו? עס איז נישט גוט אז ער זאל זיין אליין, וועגן דעם גיי איך אים באשאפן א אשה וואס וועט אים זיין כנגדו?! דעמאלטס וועט אים גוט זיין?!

**דער** ביאור דערפון איז, דער אייבערשטער האט באשאפן א אשה פאר דעם מאן, אז זי זאל זיין פאר אים א עזר. אבער דער עזר פון א פרוי צו איר מאן קען זיין אויף צוויי אופנים. 'זכה', אז דער מענטש איז זוכה, ער פירט זיך אויף ערליך, ער איז וואויל און פיין, איז זי פאר אים א 'עזר', זי העלפט אים צו, אז ער זאל קענען שטייגען אין תורה און אין עבודת ה'. זי נעמט אראפ די דאגות און די טירדות פונעם שטוב, און זי שטייט אים צו הילף, אז ער זאל קענען שטייגען און טון זיין עבודה פארן אייבערשטען. 'לא זכה', טאמער דער מאן איז נישט זוכה, ער האלט נישט דערביי, און ער וויל זיך נישט פירן בדרכי התורה, און דער אייבערשטער וויל דאך אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגען וועג, טוט דער אייבערשטער אים צושיקן אזא זיווג וואס זאל זיין 'כנגדו', זי זאל נישט זיין צופרידן מיט דעם וואס ער וויל. ווען ער זאגט איך וויל נישט גיין לערנען, וועט זי זאגן, שטיי אויף און גיי לערנען. ווען ער וועט נישט וועלן געבן צדקה, וועט זי שטיין אויף אים אז ער זאל יא געבן צדקה. דאס איז דער עזר פאר אים, אז ווען עס איז לא זכה, ווען ער איז נישט זוכה, וועט אים דער אייבערשטער צושיקן אזא זיווג, נישט וואס זאל אים זיין א עזר און זי זאל מיטגיין מיט זיין וועג, נאר זי זאל קענען אראפשטעלן א פוס אקעגן אים. און דאס וועט זיין דער 'עזר', אז ער האט א ווייב וואס איז 'כנגדו', וואס איז אקעגן אים, וואס טוט אים צוהעלפען אז ער זאל זיך פירן אין ריכטיגען וועג.

**קומט** אויס, אז דער תפקיד פון א אשה איז. ווען מען איז זוכה, ווערט זי א עזר. און טאמער ער איז נישט זוכה, ער וויל נישט גיין אויפן ריכטיגען וועג, איז דער עזר וואס דער אייבערשטער גיט אים, אז ער זאל האבן א ווייב וואס וועט זיין כנגדו, און זי וועט אים שוין צופירן אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז חז"ל (ב"ר עו-ט) זאגן, אז יעקב איז נענש געווארן, ווייל ער האט באהאלטן דינה. טאמער וואלט ער געגעבן דינה פאר עשו, וואלט דינה געהאט א כח, און זי וואלט געקענט מחזיר למוטב זיין דעם עשו. און יעקב האט דאס נישט געטון, איז געווען א פגם אויף יעקב, פארוואס ער האט אוועקגענומען דינה פון עשו. אז מען מאכט א חשבון, ווי אלט איז עשו געווען, און ווי אלט דינה איז געווען דעמאלטס בשעת יעקב אבינו האט איר באהאלטן. עשו איז אלט געווען דעמאלטס עטליכע ניינציג יאר. דריי

און זעכציג יאר איז יעקב געווען בשעת ער האט באקומען די ברכות, און נאכדעם איז ער געזעצן פערצן יאר ביי שם ועבר, האלט מען שוין ביי זיבן און זיבעציג. צוואנציג יאר איז ער געזעסן ביי לבן אין שטוב, האלט מען שוין ביי זיבן און ניינציג. און דעמאלטס האט ער זיך געדארפט טרעפן מיט עשו, און ער האט באהאלטן דינה פון עשו.

**ווי** אלט איז דעמאלטס געווען דינה. ביי די זיבן און זיבעציג יאר פון יעקב איז ער אנגעקומען צו לבן אין שטוב, ער האט געווארט זיבן יאר חתונה צו האבן מיט רחל. יעקב איז געווען פינעף און אכציג יאר בשעת עס איז געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד ראובן. און מען האלט יעצט ביי דינה, וואס דינה איז נתחנך געווארן מיט יוסף, האלט מען שוין ערגעץ ביי עטליכע ניינציג יאר. קומט אויס אז די גאנצע דינה איז אלט געווען דעמאלטס פינף אדער זעקס יאר, און ער האט איר צוריק געהאלטן אז זי זאל נישט חתונה האבן מיט עשו. און עס איז געווען א פגם אויף יעקב, ווייל די דינה וואלט געקענט מחזיר למוטב זיין עשו. עס איז נישט צו פארשטיין מיטן שכל, א רשע ווי עשו, וואס פון ווען ער איז געווען במעי אמו איז ער געגאנגען דינען עבודה זרה, און עס איז שוין כמעט הונדערט יאר וואס ער איז עומד ברשעו. און די דינה איז א יונגע מיידל, זעקס זיבן יאר אלט. און מען זאגט, אז די דינה האט געהאט א כח צו קענען מחזיר למוטב זיין דעם עשו. איז א סימן, אז יא. אז דער אייבערשטער האט געמאכט, אז א אשה זאל זיין א עזר לבעלה. 'זכה' אז ער איז זוכה איז זי א 'עזר', זי העלפט אים ארויס. 'לא זכה', טאמער מען איז נישט זוכה, 'כנגדו', גיט מען אים א ווייב וואס איז פארקערט פון אים, און די כנגדו האט א כח אז זי זאל אים קענען מחזיר למוטב זיין. ווען דינה וואלט חתונה געהאט צו עשו, האט די אשה א כח, אז זי קען מחזיר למוטב זיין אפילו עשו הרשע אויך. איז ממילא געווען א פגם אויף יעקב פארוואס ער האט נישט געגעבן דינה פאר עשו. - על כל פנים זעהט מען דעם געוואלדיגען כח וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו, אז א ווייב האט א כח אויפן מאן, אים ארויסצוהעלפן צו גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**אז** מען זעהט אז פרעה האט גענומען שרה אין שטוב, און זיין ווייב האט נישט געהאט קיין כח צו זיין א עזר כנגדו, אז זי זאל אים צוריקהאלטן, אז ער זאל עס נישט טון. אז דו קענסט אים נישט צוריקהאלטן אז ער זאל עס נישט טון, איז א סימן אז דו ביזט אויך פונקט אזוי ווי דיין מאן. ווייל טאמער דו וואלסט געווען ערליך, וואלסטו געקענט צוריקהאלטן אז פרעה זאל איר נישט נעמען אין שטוב אריין. און אז דו האסט אים נישט צוריקגעהאלטן, איז נישט נאר פאר פרעה קומט א עונש, נאר וינגע ה' את פרעה ואת ביתו, זו אשתו, פאר איר קומט אויך א עונש, ווייל זי וואלט געדארפט צו זיין דער כח וואס זאל אים מונע זיין, אז ער זאל עס נישט טון. און אז זי האט עס נישט געטון, קומט זיך א עונש פאר איר אויך, האט דער אייבערשטער מנגע געווען סיי פרעה און סיי ביתו.

**דאס** איז ווען מען רעדט פון פרעה, אבער ווען מען רעדט פון דינה, ווען עס קומט זיך צוזאם א שידוך וואס איז 'זכה', א חתן וואס איז אלע יארן געזעסן באהלה של תורה און געלערנט, און דער אייבערשטער האט צוגעשיקט א זיווג וואס דארף נישט זיין כנגדו, נאר עס איז זכה נעשית לו 'עזר', איז אוודאי דא צו וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל צוזאמען קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, א ערליכע יודישע שטוב, ממשיך צו זיין דעם שלשלת הזהב. און מיר אלע זאלן קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הרב **יוסף צבי איליאוויטש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד יעמרינג שליט"א), עב"ג בן הרב **יעקב יוסף טווערסקי** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **שלמה גראס** ע"ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **ישעי'** נ"ו, בן הר"ר **משה יוסף הכהן האפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלכסנדר זושא אהרן שטערן** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריעם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אפרים געלבער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה שטרייכער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי ישראל אהרן כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי מנחם מענדל שטיין שליט"א** אב"ד סאווראן, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש, והשתתף אצל התנאים של החתן **משה** (בן הר"ר חיים ברוך הי"ו) **בראדי** נ"ו, , עב"ג בת הר"ר **ישראל יהודא גראסבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם יאנג איזריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **הערשל פאלל** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת **הגה"צ רבי אשר אנשיל שעהר שליט"א** אב"ד קלעסאן, עב"ג בן **הרה"ג רבי יוסף אונגאר שליט"א**, ר"י באבוב 45 (בן כ"ק **האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א**), שהתקיים באולם די מארקיז.

*

***יום שישי פרשת לך לך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשל פאלל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי נחום מטשערנאביל זי"ע, בעל מאור עינים** (לרגל היומא דהילולא ביום י"א חשון). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת ש"ב **הרה"ג רבי ישראל אהרן כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שלום הערשקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

## שיחות ודברות קודש לפרשת וירא משנת תשע"ג לפ"ק

### דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת וירא תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת חיי שרה תשע"ג לפ"ק

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אין די פרשה פון די עקידה, יען אשר עשית את הדבר הזה, ולא חשכת את בנך את יחידך, כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך וגו', וירש זרעך את שער אויביו, והתברכו בזרעך כל גויי הארץ (בראשית כב-טז). דער באשעפער האט אים צוגעזאגט די אלע ברכות, ווייל ער האט עומד געווען אין די נסיון פון די עקידה. דער באשעפער האט מאריך געווען אינעם לשון, יען אשר 'עשית את הדבר הזה', ווייל דו האסט געטון די זאך, ולא חשכת את בנך את יחידך. ער וואלט געדארפט זאגן, יען אשר לא חשכת את בנך, וועגן דעם וועל איך דיר בענטשען. פארוואס האט ער מאריך געווען, ווייל דו האסט געטון די זאך, ולא חשכת. - און מען ווייסט אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), עס איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט, און דא האט ער געטון א מצוה, ער האט געברענגט יצחק אויף די עקידה, און דער אייבערשטער האט אים יא צוגעזאגט, איך וועל דיר געבן שכר אויף די וועלט.

**די** משנה (אבות ה-ג) זאגט, עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו, אברהם אבינו האט געהאט צען נסיונות. נישט מער פון צען?! אונז האב מיר נסיונות יעדן טאג, און נישט נאר איין נסיון, נאר מער פון איין נסיון, דאס גאנצע לעבן פונעם מענטש איז פיל מיט נסיונות. א מענטש האט א בחירה, און יעדע זאך וואס קומט אים אונטער די האנט, האט ער א נסיון, צו ער זאל טון אזוי ווי די תורה זאגט, צו ער זאל טון אנדערש, צו ער זאל פאלגן דעם אייבערשטען, צו ער זאל נישט פאלגען דעם אייבערשטען. וואס מיינט עס צו זאגן, עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו, אז אברהם אבינו האט געהאט נאר צען נסיונות?

**מען** געפונט אין די גמרא (סנהדרין קז.), אז דוד המלך האט געפרעגט דעם אייבערשטען, פארוואס זאגט מען אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, און מען זאגט נישט אלקי דוד. האט דער אייבערשטער געזאגט, ווייל זיי האב איך געפריווט, זאגט מען אלקי אברהם, אבער דיך האב איך נישט געפריווט. האט דוד המלך געבעטען, בחנני ה' ונסני (תהלים כו-ב), פריוו מיך אויך. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, פיין, איך וועל דיר פריוון. און נישט נאר אזוי ווי זיי, נאר גרינגער פון זיי. איך גיי דיר זאגן מיט וואס איך גיי דיך פריוון, איך גיי דיך פריוון מיט א דבר ערוה. און די גמרא פארציילט, אז דוד המלך האט געהאט א מכשול מיט בת שבע, און ער האט נישט עומד געווען בנסיון, און נאכדעם האט ער חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט געבעטן פונעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאל אים פריוון. און דאס דארף אויך האבן א ביאור, ווי אזוי איז מעגליך אז דוד המלך, מלך ישראל, איז נכשל געווארן מיט א עבירה, און עס זענען דא צענדליגער מענטשן וואס האבן אזא נסיון אינעם טאג טעגליכן לעבן, און מען גיט זיך אכט, און מען קען עומד זיין בנסיון, און דוד המלך האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון, ווען ער האט נאך געבעטן בחנני ה' ונסני?

**איך** האב געזען אין **פנים יפות** (בפרשתנו ד"ה והאלקים נסה), אז דער **פנים יפות** זאגט, אז דער ענין פון א נסיון איז, אז די גמרא (סוכה נב.) זאגט, יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, דער יצר הרע איז זייער גרויס, ואלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו, און ווען נישט דער אייבערשטער זאל העלפן דעם מענטש, וואלט דער מענטש נישט געקענט עומד זיין בנסיון, שנאמר (תהלים לז-לב) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, דער רשע, דער יצר הרע, זוכט צו הרג'ענען דעם מענטש, וה' לא יעזבנו בידו, דער אייבערשטער שטייט צו הילף. דאס מיינט אז ווען א מענטש האט א נסיון פון א עבירה, איז דער

אייבערשטער דארט אים צו העלפן. און ווען א מענטש איז מחליט, איך וויל נישט עובר זיין אויף די עבירה, באקומט ער א כח פונעם אייבערשטען, ער זאל עס קענען אויספירן.

**זאגט** דער הייליגער **פנים יפות**, די נסיונות וואס דער אייבערשטער איז מנסה דעם מענטש איז דער טייטש, אז דער באשעפער נעמט צו זיין עזר, פון אים צו העלפן, און ער לאזט אים איבער אויף די אייגענע כוחות, ער זאל זיך אליין מתגבר זיין. דאס ווערט אנגערופן א נסיון. 'והאלקים נסה את אברהם', דער אייבערשטער האט מנסה געווען אברהם, און ער האט אים געזאגט, ולך 'לך' אל ארץ המוריה, גיי פאר דיר אליין, איך גיי נישט מיט דיר מיט, דו דארפסט אליין גיין. יעדע נסיון וואס א מענטש האט אין א עבירה, איז דער אייבערשטער דארט מיט אים, ער זאל אים העלפן. אבער 'לך לך', דו זאלסט גיין אליין, און דו זאלסט עומד זיין אין דעם נסיון.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו סח:) ברענגט אויך צו פון זיך אליין דעם געדאנק, אז דאס מיינט א נסיון. און ער זאגט, אז וועגן דעם פארשטייט מען, פארוואס די עקידה ווערט גערעכנט פאר א נסיון פאר אברהם, און נישט א נסיון פאר יצחק. יצחק האט דאך געהאט א גרעסערן נסיון, ער האט זיך געלאזט אליין שחט'ן פארן באשעפער. זאגט ער, אבער יצחק האט געהאט א עזר אלקי, דער באשעפער האט אים נישט געזאגט איך בין דיר מנסה, האט ער אים געלאזט אזוי ווי ביי יעדע עבירה וואס א מענטש באקומט א עזר פונעם אייבערשטען, ווען ער וויל עומד זיין און אויספירן די ווערטער פונעם באשעפער. אבער אברהם האט מען דאך אוועקגענומען דעם אייבערשטענס כח פון אים, מען האט אים געלאזט אויף די אייגענע כוחות, דאס הייסט א נסיון.

**ווען** דוד המלך האט געפרעגט דעם אייבערשטען, פארוואס מען זאגט אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב, און מען זאגט נישט אלקי דוד. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ווייל זיי האב איך מנסה געווען. וואס איז דער טייטש איך האב זיי מנסה געווען? איך האב זיי געלאזט אויף די אייגענע כוחות, און זיי האבן אליין געקענט עומד זיין. האט דוד המלך געזאגט, בחנני ה' ונסני, איך וויל עס אויך פראבירן. איך וועל טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, אפילו דער אייבערשטער וועט נישט צוהעלפן. זאגט די גמרא, ער האט נישט געקענט, ער איז נכשל געווארן. ווייל א מענטש קען נישט אליין עומד זיין אקעגן דעם יצר הרע, אנת נורא ואנא בישרא (קידושין פא.), מיט א מלאך קען מען זיך נישט שלאגן, אפילו דער מלך ישראל האט זיך נישט געקענט מיט אים שלאגן. קומט אויס, אוודאי מיר קענען עומד זיין אין די נסיונות וואס דוד האט געהאט, ווייל מיר האבן א עזר אלקי, ווען ער וויל זיך האלטן. אבער די נסיון פון דוד המלך איז געווען, אז מען האט פון אים צוגענומען דעם עזר פונעם אייבערשטען, און מיט די אייגענע כוחות קען א בשר ודם זיך נישט מתגבר זיין. דאס איז די בחינה פון א נסיון.

**קומט** אויס, אז דער נסיון פון אברהם אבינו איז געווען, אז ער האט אלעס געטון אליין אן דעם וואס דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפן. 'והאלקים נסה את אברהם', דער אייבערשטער האט מנסה געווען אברהם, 'ויאמר אליו', האט אים דער אייבערשטער געזאגט, 'אברהם', איך גיי דיך לאזן אליין, דו גייסט זיין אברהם אליין, איך וועל נישט זיין דארט צוזאמען מיט דיר, 'ויאמר הנני', האט אברהם געזאגט, איך בין דא.

**שכר** מצוה בהאי עלמא ליכא, עס איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט. פארוואס נישט, עס איז דאך דא א לאו אין די תורה (דברים כד-טו) ביומו תתן שכרו, לא תלין פעולת שכיר (ויקרא יט-יג), מען דארף געבן שכר אין דעם זעלבן טאג. זאגט דער הייליגער **ישמח משה** (פ' חיי שרה) ווייל דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט, איז נאר א חסד, עס קומט זיך באמת נישט קיין שכר אויף א מצוה וואס א מענטש טוט. ווייל יעדע מעשה וואס א מענטש טוט, האט דריי חלקים. עס האט די התחלה, עס האט די מיטל'דיגסטע חלק, און עס האט דער סיום דערפון. אויף די התחלה מיט

די סיום, אויף דעם איז דא שכר, ווייל דאס איז א ריכטיגע מעשה, אבער די מיטל'דיגסטע חלק איז נאר א מסייע וואס איז אין בו ממש (שבת צג.). ביי שדכנות איז אויך אזוי די הלכה, ווען עס איז דא אסאך שדכנים, דער וואס איז מתחיל אינעם שידוך, דער באקומט א חלק פונעם שדכנות, און דער וואס איז גומר דעם שידוך, ער באקומט אויך א חלק פונעם שדכנות, אבער די אלע וואס זענען געווען אינדערמיט, באקומען נישט קיין שדכנות, ווייל עס ווערט נישט גערעכנט פאר א מעשה. ער איז נישט געווען נישט דער מתחיל, און נישט דער גומר.

**ווען** א יוד טוט א מצוה, ווער איז דער מתחיל? דער אייבערשטער. מי הקדימני ואשלם (איוב מא-ג), מי מל לי עד שלא נתתי לו בן זכר, איך האב דיר געהייסען מל'ן דאס קינד, אבער איך האב דיר קודם געגעבן דאס קינד (ויק"ר כז-ב). איז דער אייבערשטער דער מתחיל. ווער איז גומר די מצוה? אויך דער אייבערשטער. אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו. וואס טוט דער מענטש? נאר די חלק אינדערמיט. און אויף דעם קומט נישט קיין שכר. וועגן דעם איז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, ווייל על פי דין איז מען נישט מחוייב צו באצאלן דערויף.

**זאגט** דער הייליגער **ישמח משה**, 'אחת דבר אלקים', פון די דריי חלקים וואס א מצוה באשטייט, האט דער אייבערשטער גערעדט צום מענטש אויף איין חלק, די מיטל'דיגסטע חלק בעהט איך פון דיר, אז דו זאלסט עס טון. ווייל 'שתים', די אנדערע צוויי חלקים, די אנהייב מיטן סוף, 'זו שמעתי', דאס פארשטיי איך, 'כי עוז לאלקים', אז דאס קומט מכח דעם אייבערשטען, דער באשעפער איז דער מי הקדימני ואשלם, און דער באשעפער איז דער וואס העלפט אים צו אז ער זאל קענען ענדיגן די מצוה. איז ממילא 'ולך ה' חסד', איז נאר א חסד, 'כי אתה תשלם לאיש כמעשהו' (תהלים סב-יב), ממילא איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט.

**אבער** דא האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, איך האב דיך מנסה געווען, און איך האב דיך געלאזט אויף די אייגענע כחות. קומט אויס, ווער האט געמאכט דעם גמר? נישט דער אייבערשטער נאר אברהם אבינו. יען אשר 'עשית' את הדבר הזה, דו אליין האסט עס געטון, איך האב דיר נישט צוגעהאלפן דערצו, ולא חשכת את בנך את יחידך, אויף דעם איז כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך, וועל איך דיר באצאלן שכר אויף די וועלט.

## בסעודת בר מצוה של הבחור מרדכי אברהם גראס נ"י
## בן הר"ר לוי מיכאל גראס הי"ו

יום א' פרשת חיי שרה – י"ט חשון תשע"ג לפ"ק

**מען** געפונט אין די פרשה פון די עקידה, נאכדעם וואס אברהם אבינו האט עומד געווען בנסיון, ער האט געברענגט יצחק פאר א עולה, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה, זאגט דער פסוק (בראשית כב-יג), וישא אברהם את עיניו, וירא והנה איל אחר נאחז בסבך בקרניו, און ער האט גענומען דעם איל, ויעלהו לעולה תחת בנו, ער האט מקריב געווען דעם איל אנשטאט זיין קינד.

**עס** קען זיין אז די כוונה דערין איז. מען דערציילט נאך, אז **רבי איסר זלמן מלצר זצ"ל** איז אמאל געזעסן ביי זיך אין שטוב, און ער איז געווען ארומגענומען מיט די תלמידים, און אינמיטן האט זיך איינער אנגערופן, אז ער קוקט ארויס פון פענסטער, און ער זעהט ווי דער **בריסקער רב** קומט אים באזוכן. אז דער **בריסקער רב** קומט באזוכן, איז **רבי איסר זלמן** געגאנגען, און ער האט זיך צוגעגרייט, ער האט זיך צוזאמגענומען, און אוועקגעפאקט פון טיש, און ער איז אראפגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם **בריסקער רב**. ווען ער קומט אן אונטען, זעהט ער, אז עס איז נישט דער **בריסקער רב**, נאר עפעס א משולח, א פשוט'ער יוד, וואס איז געקומען נאך געלט, וואס האט זייער גע'ענדלט צום **בריסקער רב**, אז עס האט זיך געדאכט אז

דער **בריסקער רב** קומט. און ער האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט, און ער האט אויפגענומען דעם יוד אזוי ווי דעם **בריסקער רב**. ווען ער איז ארויפגעקומען, האט ער געהייסן אז ער זאל זיך זעצן אויבנאן, און ער האט אים געפרעגט וואס ער דארף, און ער וועט אים צושטעלן וואס ער דארף. דער יוד האט געדארפט א כתב, האט ער זיך אראפגעזעצט, און ער האט אים אפגעשריבן א שיינעם כתב. און דער עולם דארט האט זיך אונטערגעשמייכלט ווי אזוי ער נעמט אויף דעם יוד.

**ווען** דער יוד איז אוועקגעגאנגען, האט מען געפרעגט **רבי איסר זלמן**, אז דאס איז דאך נישט געווען דער **בריסקער רב**, וואס האט ער געמאכט פון אים אזא צימעס. האט ער געזאגט, לעולם, איז יעדער יוד וואס קומט אריין אלץ א גאסט, דארף מען אים מקבל זיין אזוי ווי דעם **בריסקער רב**. די זעלבע מצוה פון הכנסת אורחים איז געזאגט געווארן אויף יעדן יוד. נאר מען קען דאך נישט מקיים זיין די מצוה מיט אמת'דיגע שלימות ביי יעדן איינעם, נאר ווען עס קומט א אדם גדול וכדומה, דארף מען זיך צושטעלן מער ווי פאר א צווייטען. אבער אויב איך האב שוין געמאכט די הכנות, איך האב זיך שוין צוגעגרייט צו די מצוה אזוי ווי מען דארף מקבל זיין דעם **בריסקער רב**, איז אפילו עס איז נישט געווען דער **בריסקער רב**, נאר א פשוט'ער יוד, דארף מען אויך געבן דעם זעלבן כבוד ווי מען גיט פאר א אדם גדול.

**ווען** א יוד ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, אוודאי איז עס ביי אים חשוב אז ער ברענגט א קרבן, אבער ער קען היינט ברענגען א קרבן, און ער קען מארגען ברענגען א קרבן, עולה שכיחא שטייט אין די גמרא (יומא כו.), צו ברענגען א עולה האט מען געקענט ווען מען האט געוואלט, איז די הכנה צו די מצוה באמת נישט אזא געוואלדיגע הכנה, ווייל עס איז א מצוה וואס מען טרעפט א אנדערע מאל אויך. אבער מקריב צו זיין א קינד, א בן יחיד, פארן אייבערשטען, האט זיך אברהם אבינו צוגעגרייט מיט אזא געוואלדיגע הכנה דערצו, איך ברענג יעצט א קינד פאר א עולה פארן אייבערשטען, א זאך וואס האט נישט פאסירט ביז יעצט, און עס וועט נישט פאסירן נאכאמאל, איז זיכער אז די הכנה פון אברהם אבינו צו די מצוה, איז געווען אויסערגעוועהנליך דערהויבן.

**און** ווען עס קומט שוין דערצו, און אברהם אבינו וויל מקיים זיין די מצוה, זאגט אים דער אייבערשטער, אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה (כב-יב), נאר ברענג א פשוטן איל, דארף מען אבער דעם קרבן אויך מקריב זיין פארן אייבערשטען, אזוי ווי מען איז מקריב א קינד. דו זאלסט ברענגען דעם איל אחר הנאחז בסבך בקרניו, ויעלהו לעולה 'תחת בנו', אזוי ווי ער האט געוואלט מקריב זיין זיין קינד, אזוי האט ער ארויפגעברענגט דעם עולה. - א מצוה ביי א יוד, אפילו ווען עס איז טאקע נישט קיין 'חדשים', דארף עס אבער זיין בכל יום ויום יהיה בעיניך כחדשים (תנחומא דברים א).

**ווען** א בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, די ערשטע מאל וואס ער גייט מקיים זיין די מצוה פון הנחת תפלין, און אלע אנדערע מצות, טוט ער עס מיט א דערהויבנקייט, די ערשטע מאל וואס ער קען מקיים זיין די מצוה פארן אייבערשטען. אבער בדרך כלל ווען עס גייט אדורך נאך א טאג און נאך א טאג, ווערט אפגעקילט די התחדשות וואס מען האט, ווי בשעת מען טוט עס די ערשטע מאל. דער בר מצוה בחור דארף וויסן, אז אזוי ווי ביי די התחלה גייט ער אריין מיט א שמחה, אזוי זאל עס זיין אין טאג טעגליכן לעבן. בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, יעדן טאג דארף זיין די מצות פונעם אייבערשטען אזוי ווי ניי. די תפלין וואס מען לייגט, איז נישט קיין חילוק צו מען לייגט עס אין א פשוט'ן דינסטאג, צו מען לייגט עס ביי די זיבעציג יאר, שטענדיג דארף עס זיין מיט די זעלבע דערהויבנקייט און מיט א התחדשות אזוי ווי דאס ערשטע מאל. און דאס איז די חשיבות, אז מען איז מקיים יעדע מצוה מיט א ברען און א חשק, אזוי ווי דאס ערשטע מאל.